

# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**ראה**

## • לימוד מהפרשה

**ואלה החקים והמשפטים אשר תשמרון לעשות בארץ וכו׳ כל הימים אשר אתם חיים על האדמה וכו׳ אבד תאבדון את כל המקומות אשר עבדו שם הגוים**

א מגיד איז אמאל געקומען אין א שטאט און האט גערעדט א דרשה און אוועק געמאכט דער תאוות הממון און ביליג געמאכט דאס נאכלויפן געלט. נאכן דרשה זענען מענטשן צוגעגאנגען ווי דער מנהג איז געווען און געגעבן די האנט און געזאגט ישר כח און אריינגעלייגט א חציצה אינדערמיט... איינער האט דאס צוגעקוקט און ער גייט צו צום מגיד און זאגט: איך פארשטיי אייך נישט, איר האט יעצט געגעבן א דרשה בגנות ממון און איר אליין נעמט געלט פון מענטשן ? האט ער געענטפערט: ר׳ איד, איר האט א בית הכבוד ? איז דאס א זאך וואס איר זענט ׳פארנומען׳ מיט דעם און באווייזט דאס פאר יעדן איינעם ? אוודאי נישט, נאר וואס, סוף כל סוף איז עס א וויכטיגע זאך אבער פארט א בית הכבוד, די זעלבע מיט געלט, עס איז זייער וויכטיג אבער עס בלייבט א וויכטיגע בית הכבוד...

די תורה הייסט אונז דא אויסצורייסן עבודה זרה "כל הימים". לכאורה איינמאל מ׳קומט אריין קיין ארץ ישראל און מ׳רייסט עס אויס איז שוין נישטא וואס אויסצורייסן, די מצוה קען מען נאר טוהן איינמאל, וואס הייסט "כל הימים" ?

עבודה זרה הייסט זאכן וואס זענען "פרעמד", נישט נאר וואס מ׳מיינט געטשקעס וכדומה נאר יעדע זאך וואס איז פרעמד, עס נעמט אוועק פון טראכטן פון אייבערשטן הייסט "עבודה זרה-פרעמד". יעדער איינער פון אונז האבן א מלחמת היצר מיט נסיונות (ווען דו וואלסט נישט געהאט קיין נסיונות וואלסטו נישט געווען צווישן די לעבעדיגע) וואס מאכט אונז פרעמד פון אייבערשטער און "אלעמאל" דארף מען זעהן צו מאכן פארלירן די עבודה זרות.

מיר ווייסן דעם כלל סור מרע ועשה טוב, די וועג צו זיין סור מרע איז דורך "עשה טוב", אז מ׳טרעפט די חיות-די לעבן אין אידישקייט, יעדער אויף די אייגענע אופן, די תורה איז גענוג גרויס און קאלירפול אז יעדער איינער זאל זיך קענען טרעפן דאס געשמאק.

אויב איז מען נאר פארנומען צו האקן-אוועקנעמען די שמוץ, איז מען א בעזעם, א בעזעם איז זייער א וויכטיגע זאך, מ'קען נישט וואוינען נארמאל אן א בעזעם. אבער אפילו ס'איז אזוי וויכטיג וועט מען זיך נאכאלץ נישט ארומדרייען און זיך טשאטשקענען דערמיט...פארוואס נישט ? ווייל א בעזעם וואס קערט איז שמוציג ! די איינציגסטע ריינע בעזעם איז די וועלכע שטייט אין געשעפט צום פארקויפן און מ'האט עס נאכנישט גענוצט...

די תורה איז תורת "חיים" ווייל דאס ברענגט "לעבן", אויב ברענגט דאס נישט לעבן איז דאס נישט תורת חיים, יעדער איד דארף טרעפן זיין נקודה וואו ער זעהט "חיים" אין די דרך התורה.

**ראה אנכי נתן לפניכם היום ברכה וקללה**

דער מדרש פארציילט אז אליהו הנביא איז אנגעקומען אין א שטאט ווי קיינער האט נישט געמאכט הכנסת אורחים האט ער זיי "אנגעוואונטשען" אז איר זאלט אלע ווערן א ראשים-הויפטן. האט אים געפרעגט ר' יהושע בן לוי פארוואס קומט זיי א ברכה ? האט אליהו געענטפערט דאס איז נישט קיין ברכה נאר פארקערט, אז יעדער איז א בעל הבית און א הויפט וועלן זיי זיך אלע ארומשלאגן... נישט אלעס וואס זעהט אויס ווי א ברכה איז טאקע אזוי און די זעלבע פארקערט, נישט אלעס וואס זעהט אויס ווי א קללה איז טאקע אזוי.

א ברכה הערט מען, פארוואס שטייט 'ראה-זעה' ? זעהן מיינט נישט נאר זעהן מיט די פליישיגע אויג, זעה מיינט פארשטיין, טיף ארייננקוקן אין די זאך, א ברכה דארף מען דערהערן און פארשטיין.

דער באשעפער איז "קל" קנא פוקד עון על בנים. קל איז רחמים. דער אייבערשטער באשטראפט מיט רחמים, דער אייבערשטער שטראפט נישט ווי א מענטש, **"שכר ועונש" איז א טובה, נישט א נקמה,** אפילו פאר א רשע במזיד ! למשל דער דור המבול האט געמיינט אז דער באשעפער איז צו א גוטער זיי צו קענען באשטראפן, דער אמת איז אז דער באשעפער איז טאקע זייער גוט און דערפאר האט ער זיי אויסגעוואשן פון זייערע עבירות.

א בשר ודם קען להכעיס יענעם באשטראפן ווייל "אזוי שמעקט עס מיר" אבער דער באשעפער מאכט עס פאר א תכלית. פארדעם איז א עונש מדה כנגד מדה כדי דער מענטש זאל דערקענען און זיך כאפן פארוואס און עס מתקן זיין. מענטשן מיינען אז "ס'איז באשערט צו ליידן 70 יאר און פערטיג". אבער עפ"י רוב איז עס נישט אזוי, דער אייבערשטער גיבט א פעקל כדי דער מענטש זאל זיך טוישן (געווענליך איז עס א מדה) און דערנאך נעמט מען אוועק די צרה.

ראה אנוכי נותן היום ברכה איך גיב ענק א ברכה "וקללה" אמאל איז עס 'געפעקעדזשט' אין א קללה ח"ו אם לא תשמעו אויב עטס וועטס נישט "דערהערן" איז עס א קללה אבער ס'איז אלעמאל א ברכה.

וועלכע זאך איז וואס מענטשען קוקן אפט אלס א קללה ? די 'איצטיגע מצב'. צו איז עס "ווען איך וואלט געבוירן אין דעם פלאץ אדער אין די משפחה וואלט גוט געווען" אבער אזוי ווי ס'איז יעצט איז עס א שאד... אדער "נעקסטע יאר וועט זיין בעסער, ווען איך וועל מופן וועט זיין בעסער, ווען איך וועל גיין אין קאנטרי" אבער איצט טויג נישט... **דער אייבערשטער זאגט "היום" ברכה, היינט איז דא א ברכה דו דארפסט עס נאר דערהערן. אודאי דארף מען בעטן שטארק אל תביאנו לידי נסיון און מ'מעג טוהן זאכן צו פארבעסערן א מצב אבער מ'דארף וויסן אז אלעס איז א ברכה.**

## • הלכה

**שאלה: מעג מען לייענען אדווערטייזמענטס אום שבת?**

**תשובה:** מען טאר נישט לייענען אדווערטייזמענטס. נאך מער, מאגאזינען און בראָושאָרז וואס ענטהאלטן בלויז אדווערטייזמענטס זענען מוקצה (כלי שמלאכתו לאיסור) און מעגן נאר ווערן אנגערירט און גערוקט לצורך גופו ומקומו.

## • מעשה

**בורא רפואות נורא תהלות**

פארציילט דער בארימטער בעל מספר ר' נחמן סעלצער נ"י:

איך בין געווען ביי א סעודת הודאה פון א בחור וואס איז דאן געווען אכצן יאר וועלכער האט פארציילט אז ער איז געווען א צעהן יעריג קינד מיט א שווערע נירן קרענק ל"ע און האט געוואוינט אין סאוט אפריקע, דער דאקטאר זייענדיג א פרומער איד האט געזאגט פאר די עלטערן אז ליידער האט דאס קינד נישט מער ווי א פאר חדשים צום לעבן, אפשר איז כדאי צו פארן קיין ארץ ישראל אויסצולעבן די ביסל צייט וואס איז אים געבליבן מיט זיינע עלטערן.

זיין בעסטער חבר האט געהערט וואס דא גייט פאר און האט דאס פארציילט פאר זיינע עלטערען וועלכע האבן מחליט געווען מיטצופארן צוזאמען, אזוי איז אויסגעקומען צוויי פאָר עלטערן און צוויי אינגלעך זענען געפארן קיין ארץ ישראל.

זייענדיג איינע פון די טעג אין צפת, זענען די עלטערן געגאנגען צום מקוה האר"י. דערווייל זענען די צוויי קינדער געגאנגען 'שפאצירן' אין די אלטע צפת'ע בית החיים און זיי זענען אנגעקומען צום קבר פון דער נביא הושע בן בארי. זיי האבן זיך אנגעהויבן צו דרייען דארט, און זיי האבן באמערקט א טיש מיט א שיינע ווייסע טישטוך און א באטל וויין. זיי האבן געכאפט בילדער און פלוצלינג...באמערקט זיי ווי א עלטערער איד מיט א ווייסע בארד איז אין פאָרנט פון זיי, און לערנט פון א ספר. דער איד טראגט זיי אן צו טרינקען "לחיים", דאס קינד זאגט אז ער מעג נישט טרינקען וויין צוליב די מצב מיט זיינע נירן, דער איד זאגט זארגט דיך נישט איך וועל דיר זאגן וואס צו טוהן, טרינק יעדן טאג א גלעזל 'לעמאן דזשוס', דער אלטער איד האט מיט א ציטערדיגע האנט אנגעגאסן די וויין פאר א לחיים און אביסל פון די וויין האט זיך אויסגעגאסן און רויט געמאכט די ווייסע טישטוך.

די קינדער זענען ארויסגעגאנגען, אויפן וועג זאגט איינער צום צווייטן: זיכער איז דאס אליהו הנביא... ווער דען קען זיין דער אלטער מענטש וואס קודם האט מען אים נישט באמערקט און שפעטער האט ער זיך פלוצלינג באוויזן ? לאמיר אים פאלגן און גיין קויפן 'לעמאן דזשוס'. דערנאך זענען זיי געגאנגען צום ריכטונג פון מקוה האר"י צו זייערע עלטערן.

דער פאטער הערנדיג די מעשה מיט 'אליהו הנביא' האט זיך אנגערופן: "לאמיר אהינגיין צו טרעפן דעם צדיק", און זיי זענען געגאנגען צום קבר פון דער הושע הנביא. זיי גייען אריין און וואונדערליך: די טישטוך איז שניי ווייס און דער אלטער מענטש איז פארשוואונדן אן קיין זכר.

עס איז געווען שווער פאר די קינדער צו איבערצייגן די עלטערן אז זיי האבן טאקע געזען אן אלטער מענטש מיט א שאקעלדיגער האנט מיט א פלאש פון רויט וויין און נאכדערצו... אליהו הנביא, די עלטערען זענען געווען מסופק, אפשר האבן די קינדער געחלומ'ט. אבער פון יענעם טאג און וויטער האט דער אינגל זיכער געמאכט צו טרינקען יעדן טאג א גלאז 'לעמאן דזשוס'. צוריק קומענדיג אהיים קיין סאוט אפריקע, איז דער אינגל גענומען געווארן פאר א טעסט אין שפיטאל, וואו דער דאקטער איז געווען מורא'דיג איבערראַשט: עס איז נישט דא קיין זכר פון די מחלה ! דער קינד איז אינגאנצן אויסגעהיילט.

מ׳האט ׳דעוועלאָופד׳ די ׳פילם׳, און פלאי פלאים ווען צווישן אנדערע בילדער פון די נסיעה קיין ארץ ישראל, איז געווען די בילד פון אן עלטערער איד מיט א לאנגע ווייסער בארד זיצענדיג ביים טיש אין די מערה פון הושע הנביא, ממש דער איד וואס האט געראטעוועט דאס לעבן פונעם אינגל, לכאורה אליהו הנביא...

פארציילט ווייטער ר׳ נחמן, ווען איך האב געהערט די מעשה פונעם ׳בעל המעשה׳ אליין - דאס 10 יעריגער קינד וואס איז שוין איצט געווען אן 18 יעריגער בחור, האב איך געשריבן די מעשה אין מיין קאלום אינעם ׳המודיע׳, און איך האב בייגעלייגט די בילד פונעם אלטן איד.

דער אלטער איד איז געווען גוט באקאנט. אסאך מענטשן האבן געוואוסט פון אים, און זיי האבן גלייך דערקענט דאס בילד. ווער איז געווען דער אלטער מענטש ? דאס איז געווען הרב יקותיאל ווייס ז״ל, וועלכער איז געווען יארן לאנג דעם משמש בקודש פונעם סקולענער רבי זצ״ל.

נו, וואס גייט דא פאר, וואס האט ער מיט הושע בן בארי (און מיט אליהו הנביא...) ? איז מען ארויף געקומען צו אים און געפרעגט: איר געדענקט אפשר א געשיכטע מיט צוויי אינגלעך ביים קבר פון הושע הנביא, מיט ׳לעמאן דזשוס׳? ר׳ יקותיאל האט אלעס געדענקט מיט די פרטים. יא, ער האט געטראפן די אינגלעך, אנגעטראגן א לחיים און מייעץ געווען דעם קראנקן אינגל צו טרינקען יעדן טאג ׳לעמאן דזשוס׳, א סגולה וואס ער האט געטראפן אין א אלטן ספר! ער פלעג קומען און גיין כסדר צום קבר הושע ווען ער איז געווען אין צפת.

יא, דאס איז ער, וואס איז פשט פון די נייע ווייסע טישטוך ? גאנץ פשוט, עס איז געווארן פארפלעקט האט ער עס שנעל געטוישט צו א נייע און איז אהיימגעגאנגען, ביז די עלטערען זענען צוריק געקומען איז ער שוין נישט דארט געווען. יבוא הנס מכל מקום !

## א גוט שבת